**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט פארלאנג פאר אפליקאציעס פאר לעבן סייענסעס און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אלס טייל פון די $350 מיליאן לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד**

***צוויי $50 מיליאן oRFA זענען טייל פון ברייטערע סטראטעגיע צו אנטוויקלען און פארשטערקערן לאנג איילענד'ס עקאנאמישע קאנקורענץ***

***אינטערעסירטע אפליקאנטן קענען לערנען מער און זיך איינגעבן דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן צוויי פארלאנגען פאר אפליקאציעס אלס טייל פון די $350 מיליאן לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד. עמפייער סטעיט אנטוויקלונג וועט ארויסגעבן איין RFA פאר די אנטוויקלונג פון א לעבן סייענסעס עקסעלערעיטער פראגראם און איין פאר די אנטוויקלונג פון ארבעטסקראפט אנטוויקלונג טרעינירונג צענטערן. די לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד oRFA שטעלן פאר א געלעגנהייט צו פארשטערקערן די וואקסנדע לעבן סייענסעס עקאסיסטעם אין די ראיאן און בויען אויף גאווערנער האקול'ס וויזיע פון שטיצן ראיאנישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פלענער וואס שטעלט צו אין-פארלאנג סקילס און דירעקטע דזשאב פלאצירונג.

"מיין אדמיניסטראציע האלט אן איר פארפליכטונג צו שטיצן די אויסטערלישע ערפינדונג און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג וואס האלט ניו יארק סטעיט פאראגעשריטן דורך אירע פילע ראיאנישע שטארקייטן, אריינרעכנענדיג לאנג איילענד'ס לעבן סייענסעס פירערשאפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט**. "די לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד וועט פארגרעסערן געלעגנהייטן דורך פארשנעלערן אנטוויקלונג פון פריע-שטאפל פירמעס וואס וועלן טראנספארמירן די געגנטקס לענדסקעיפ און צילן ארבעטסקראפט טרעינירונג צו נאכקומען די געברויכן פון הויכע-וואוקס ארבעטסגעבערס. דורך די שותפות, העלפן מיר אנפולן קריטישע ראלעס דורך צוגרייטן ניו יארק ארבעט זוכערס פאר קאריערס פון די צוקונפט."

אריינגערעכנט אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס FY 2023 איינגעפירטע בודזשעט, האט די לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד דריי באשטיינדטיילן: $250 מיליאן צו שטיצן טוישענדע פראיעקטן, $50 מיליאן צו שטיצן אן אקסעלערעיטער פראגראם מיט א אונטערנעמונג קאנקורענץ, און $50 מיליאן צו שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. ביז היינט, איז מער ווי $55 מיליאן פון די $250 מיליאן געווארן אויסגעטיילט אויף פראיעקטן וואס וועלן שטיצן און מאכן וואקסן די ראיאנישע עקאנאמיע, פארבעסערן קאמיוניטיס, און האבן פאזיטיווע לאנג-טערמיניגע נאכפאלגן איבער די ראיאן. די צוויי $50 מיליאן oRFA געמאלדן היינט, וואס ספאנסערן די אנטוויקלונג פון אן אקסעלערעיטער פראגראם און שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, צייגן א וויכטיגע טריט פאראויס אין ברענגען גאווערנער האקול'ס וויזיע צו פארשטערקערן די ראיאנ'ס צוקונפט דורך מוטיגן די וואוקס פון קאמערשיליזאציע אין לאנג איילענד'ס לעבן סייענס פארשונג קארידאר און בויען די פונדעמענטאלע אינפראסטרוקטור וואס מען דארף צו שטיצן די ראיאנ'ס טאלאנטירטע ארבעטסקראפט און געברויכן פון ראיאנישע אינדוסטריס.

**עמפייר סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "מיט די היינטיגע מעלדונג, לייגט ניו יארק די גרונדשטיין צו בויען אויף סטעיט אינוועסטמענטס צו לאנג איילענד'ס לעבן סייענס עקאסיסטעם און ראיאנישע ארבעטסקראפט געברויכן. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, וועט די לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד צוגרייטן די ראיאנ'ס ארבעטסקראפט פון מארגן און פארשטערקערן לאנג איילענד אלס א פלאץ פון טעכנאלאגיע און ערפינדונג."

**עמפייר סטעיט אנטוויקלונג באורד טשעירמאן קעווין לאו האט געזאגט,** "לאנג איילענד איז וואו ערפינדונג און געלעגנהייט קומען זיך צאם. דורך לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד oRFA געמאלדן היינט, וועלן מיר טראנפארמירן די ראיאנ'ס לעבן סייענס קארידאר און מאכן געלעגנהייטן פאר א בעסערע צוקונפט פאר איינוואוינערס און ביזנעסער פאר די קומענדיגע דורות."

**לאנג איילענד ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קא-טשעירס לינדא ארמין, הויפט סטראטעגיע און מארקעטינג באאמטער ביי בעטפעידזש פעדעראלע קרעדיט יוניאן האט געזאגט,** "סטראטעגישע אינוועסטמענטס אין אונזער ארבעטסקראפט און ערפינדונד עקאנאמיע וועט שטופן לאנג איילנד'ס צוקונפט פאראויס. לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד oRFA וועלן לייגן די פונדאמענטן צו פארגרעסערן ארבעטסקראפט געלעגנהייטן פאר לאנג איילענדערס נוצנדיג די ראיאנ'ס אינטעלעקטשועל קאפיטאל וואס וועט אנהאלטן אונזער ראיאן קאנקורענץ אין די וואקסנדע לעבן סייענסעס אינדורטריע."

**לעבן סייענסעס אקסעלערעיטער פראגראם ($50 מיליאן)**
אנגעהויבן אין אוגוסט 2022 מיט א מיטינג צאמגענומען דורך ESD צו צאמנעמען אינדוסטרי פארשלאגן פאר די RFA פראצעדור, וועט די $50 מיליאן לעבן סייענסעס אקסעלערעיטער פראגראם שטיצן און מוטיגן צוזאגנדיגע פריע-שטאפל לעבן סייענס פירמעס וואס וועלן צוציען טאלאנט, ערפינדערס, און לעבן סייענס פירמעס צו לאנג איילענד. אונטער דעם RFA, וועט ESD אויסוועלן איין אפליקאנט דורך א קאנקורענץ פראצעדור צו מאכן א אקסעלערעיטער פראגראם וואס וועט שטיצן גרויסע פירמעס אנטוויקלענדיג לעבן סייענס פירמעס מיט לאנג-טערמיניגע וואוקס מעגליכקייט. די אקסעלערעיטער פראגראם, באשטימט צו ערגענצן אנדערע ניו יארק סטעיט אקסעלערעיטער פראגראמען, וועט זיך ענדיגן מיט א אונטערנעמונג קאנקורענץ וואו פירמעס שטעלן פאר זייער פראדוקט צו א פאנעל פון ערפארענע ריכטערס צו פארזיכערן געווינס געלט.
יעצט, באצאלט ESD אכט אקסעלערעיטער פראגראמען איבער ניו יארק סטעיט: דזשיניעס NY, North43, האסל, 76 West, באלייכט, ניו יארק סטעיט ביזנעס פלאן קאנקורענץ, קאמערשיליזאציע קאנקורענץ, און וואקס NY, וועלכע העלפן ביזנעסלייט באקומען די סקילס וואס זיי דארפן צו צוקומען צו געלט, פארשנעלערן אינאוואציע, מאכן קריטישע אינדוסטרי פארבינדונגען, און וואקסן זייערע פירמעס אין ניו יארק סטעיט. די פראגראמען שטעלן צו פולשטענדיגע שטיצע צו פריע-שטאפל פירמעס וואס ברענגען טעכנאלאגישע ערפינדונג, עקאנאמישע וואוקס, און דזשאבס אין ספעציפישע ראיאנען פון ניו יארק און אין געוויסע פעלער אין די גאנצע סטעיט.

די לעבן סייענסעס אקסעלערעיטער RFA וועט אנהייבן אננעמען אפליקאציעס פון מיטוואך, דעצעמבער 28, 2022 ביז מערץ 31, 2023 5:00 נאכמיטאג EST. אינטערעסירטע אפליקאנטן קענען זיך איינגעבן דא.

**ארבעטסקראפט אנטוויקלונג טרעינירונג צענטערן ($50 מיליאן)**
די $50 מיליאן פארטיילונג וועט מאכן נייע געלעגנהייטן פאר ארבעטסלאזע, טיילוויז ארבעטסלאזע און שוואך-רעפרעזענטירטע ארבעטערס, בשעת'ן גלייכצייטיג נאכקומען די ארבעט געברויכן פון די סטעיט'ס העכסטע-וואקסנדע אינדוסטריע טיילן. אונטער דעם RFA, וועט ESD אויסוועלן איין אדער מער אפליקאנטן צו בויען, אויסשטאטן און אפערירן צענטערן צו טרעינירן אדער איבער טרעינירן ווי אויך

פלאצירן אינדיווידועלן פון לאנג איילענד'ס ארבעטסקראפט צו נאכקומען די געברויכן און געלעגנהייטן פון דיראיאנישע אינדוסטריעס.

ESD האט אידענטיפיצירט עטליכע אינדוסטריעס געצילט פאר וואוקס, אריינרעכענדיגביאטעק און לעבן סייענסעס, קלינטעק און רינועבל ענערגיע, קרעפט בעווערידזש, טוריזם, עדוועכסד מעניופעקטשורינג, אגריביזנעס. פראיעקטן מיט א דגוש אויף טרעינירונג אין די אידענטיפיצירטע אינדוסטריעס און וואס פירן צו דזשאבס אין יענע אינדוסטריעס וועלן ווערן פארגעצויגן מיט פארצוג געגעבן צו טרעינירונג פראגראמען וואס שטיצן סאציאל און עקאנאמיש שוואכערע גרופעס. כדי צו זיין בארעכטיגט צו באקומען א גרענט אווארד, מוז די אפפליקאנט צושטימען נאכצוקומען די פאלגענדע קאסט-צופאסונג פאדערונג: די LIIF גרענט וועט נישט דעקן מער ווי 50% פאר די גאנצע פראיעקט קאסטן.

די ארבעטסקראפט אנטוויקלונג טרעינירונג צענטער RFA וועט אננעמען אפליקאציעס פון מיטוואך, דעצעמבער 28, 2022 ביז מערץ 31, 2023 5:00 נאכמיטאג EST. אינטערעסירטע אפליקאנטן קענען זיך איינגעבן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418